# <u>פרשת יתרו י"ח - כ"ד שבט תשפ"א לפ"ק</u>

***<u>יום ראשון פרשת יתרו</u>***

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי ישראל דוד הארפענעס שליט"א** רב דביהמ"ד ישראל והזמנים, לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**הגרי"ד הארפענעס הראה לרבינו ספרו החדש 'ויברך דוד' על שאלות המצויות בהלכות תפלה.**

**רבינו:** אתמחי גברא ואתמחי קמיע פון די פריערדיגע ספרים, אז עס איז שיין.

**הגרי"ד הארפענעס:** אינעם פתח התפלה (דף עח) האב איך מעתיק געווען פונעם **ספר חסידים** (סימן תשע), אז איינער וואס האט הרהורים, גייט די שכינה אוועק פון אים, עס שטייט דאך (דברים כג-טו) ושב מאחריך, ממילא זאל מען נישט דאווענען נעבן אזא איינעם[א]. איז איינער געגאנגען און ער האט געמאכט גרויסע צעטלעך, פסק הלכה. למעשה דער **של"ה הק'** (מסכת תמיד נר מצוה ד"ה התשיעי) ברענגט אראפ דעם ספר חסידים, און ער זאגט אז עס איז נישט מסתבר אז א רשע זאל ממאס זיין די תפלות פון די צדיקים וואס דאווענען דארט. להלכה איז עס נישט.

**רבינו:** מען איז דאך מצרף פושעי ישראל בתפלתם (כריתות ו:), ווי אזוי קען דאס זיין.

**הגרי"ד הארפענעס:** איך האב א תשובה אויף דעם (שם סימן ז'), אז מען דאווענט אין איין בית הכנסת הייסט עס נישט ווי ער דאווענט מיט די פושעים.

**רבינו:** יא. עס דארף א גרויס תיקון.

**הגרי"ד הארפענעס:** איך האב אויך געשריבן (שם בסימן פד) וועגן לערנען פארטאגס פארן דאווענען, וישכם אברהם בבוקר (בראשית יט-כז).

**רבינו:** דאס איז שוין אויך היינט בטל געווארן. מען לייגט זיך שפעט, עס איז געווארן געטוישט די גאנצע סדר פונעם לעבן איז געווארן אנדערש.

**הגרי"ד הארפענעס:** **אין** די צווייטע חלק האב איך געשריבן די הלכות פון חזרת הש"ץ, תשעה עונים, שיחה בשעת חזרת הש"ץ, צו מען דארף מוחה זיין ווען איינער קוקט אין א סמאר"ט פאו"ן אינמיטן דאווענען. א גאנצע קונטרס וועגן גיין נאך געלט ביים דאווענען, צדיקים האבן דאך דאס איינגעפירט אז מען זאל גיין ביים דאווענען, אבער למעשה שטערט עס. איך שרייב דא (בסוף ח"ב סימן ד), א מענטש קומט אריין אין בית המדרש, און א ארץ ישראל יוד קומט צו בעטן געלט, זאגט ער אים, איך וועל דיר שוין געבן ביים דאווענען. דאס איז נישט אויסגעהאלטן, אפשר ועסטו אים פונקט פארפאסן, לא תאמץ את לבבך, ולא תקפוץ את ידך מאחיך האביון (דברים טו-ז). און מען דארף געבן צדקה פארן דאווענען, נישט אינמיטן דאווענען.

**רבינו שליט"א נתן לו במתנה ספר שמן ראש החדש על סדר שמות, ונפרדו לשלום**

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ד סעיף י"א) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** האט געליינט די וואך די שירת הים, די שירה ווערט געשריבן אריח על גבי לבינה (ירושלמי מגילה ג-ז). עס איז דא אסאך ליידיג פלאץ אין די שירה צווישן אייןווארט און צווייטן ווארט, און אזוי דארף זיין געשריבן די שירה, אזוי ווי מען לייגט ציגל, א

[א] וכה הם דברי **רבינו שליט"א** בדרשת שבת שובה תשע"א לפ"ק: והנני עומד ומתמה, איך יוכל יהודי חרדי ללכת עם כלי של טומאה ותועבה, כ"ד שעות ביום, וכי הוא מלאך, וכי אינו מזדמן לו לראות מה שאינו צריך. איך יבוא יום יום כן לבית המדרש, ועומד ומתפלל לפני קונו, כאשר התועבה עומד עמו יחד, לכבוש את המלכה עמי בבית. הלא הכתוב אומר, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, והיה מחניך קדוש, אין ספק שאין השראת השכינה במקומו, הוא מתפלל לפני המלך, ואין המלך שם. ועיין **בדרך פיקודיך** (מצות ל"ת י"א בהג"ה) שקבלה בידו שספרי מינים הם כעבודה זרה וכצואה, ואסור לומר דברי תורה ותפלה כנגדם ע"ש. ומכל שכן דבר ערוה, שהקב"ה שונא זמה, והכתוב עצמו אומר, ושב מאחריך. - והוא מכשיל גם את אחרים המתפללים בשכנותו, שמשאיר כח הטומאה על ד' אמות הסמוכים לו, וכדין צואה שצריך הרחקה ד' אמות. וגם אם רואה שה' עוזר לו ומתקבלים תפלותיו, אולי אין זה מסטרא דקדושא, ועושר שמור לבעליו לרעתו ח"ו. או שהם מהשפעת התפלות של שבת ויום טוב, שאין עמו טומאה זו בתפלתו. (נדפס **בשמן ראש** לימים נוראים ח"ב דף קיד).

קלענערע ציגל, מיט א גרעסערע ציגל. אין די מפרשים שטייט כמה ביאורים דערויף וואס עס איז דער ענין פון אריח על גבי לבינה.

**די** גמרא (חגיגה כז.) זאגט, כפלח הרמון רקתך (שיר ד-ג), אפילו ריקנים שבך מלאים מצות כרמון, אפילו א יוד וואס איז ריקן, די ליידיגע וואס איז דא ביי כלל ישראל, זענען מלאים מצות כרימון, זענען אנגעפולט מיט מצוות. און דער אמת איז, יעדער יוד איז אנגעפולט מיט מצות ומעשים טובים, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אסאך מצות אין די תורה, רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצות, יעדע ריר וואס א יוד טוט, איז ער מלא מצות כרימון. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס רופט ער זיי אן ריקנים, זיי זענען דאך מלאים מצות כרימון, זענען זיי דאך נישט קיין ריקנים, פארוואס רופט ער זיי אן אז זיי זענען ליידיגע.

**עס** שטייט פונעם **ברעזשאנער רב**, דער **מהרש"ם** (בהקדמת **שו"ת מהרש"ם** ח"ב), די תורה זאגט אין סוף פרשת האזינו (דברים לב-מז), כי לא דבר ריק הוא מכם, די תורה איז נישט ליידיג פון ענק, כי הוא חייכם, דאס איז ענקער לעבן. די תורה דארף פארציילן, אז די תורה איז נישט קיין דבר ריק? די גרעסטע חכמה ליגט דאך אין תורה הק', אוודאי איז עס נישט קיין דבר ריק. זאגט ער זייער א שיין ווארט, אז מען ווייסט אז כלל ישראל באשטייט פון ששים ריבוא נשמות. די נשמות זענען צוטיילט אויף ששים ריבוא, אזוי ווי ווען מען איז ארויס פון מצרים. און עס איז אויך דא ששים ריבוא אותיות אין די תורה, און יעדער יוד איז מחובר צו א אות אין די תורה. און פון דעם אות וואו ער איז מחובר, פון דארט שעפט ער זיין חיות.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז עס איז נישט דא קיין ששים ריבוא אותיות לתורה, עס איז דא כמעט די העלפט, דריי הונדערט טויזענט מיט עפעס אותיות, פון וואו זענען יונק די אלע ששים ריבוא נשמות. ברענגט מען צו פון די מקובלים, אז אין די תורה איז אויך דא ליידיגע פלעצער. צווישן איין אות און א צווייטן אות, טאר נישט זיין קיין נגיעות, עס דארף זיין מוקף גויל, מוז דאך זיין פארמעט צווישן איין ווארט און א צווייטן ווארט. און צווישן איין פרשה און די אנדערע פרשה, איז דא מער אויסגעלאזט, און דאס איז אויך א חלק פון די תורה. די תורה איז אויך די ליידיגע פלעצער וואס ליגט אין די תורה. פאר אונז איז עס ליידיג, אבער עס איז א חלק פון קדושת התורה. און די נשמות וואס האבן נישט קיין אות אין די תורה, האבן א חלק אין די ליידיגע פלעצער וואס איז דא אין די תורה. זאגט דער ברעזשאנער רב, כי לא דבר ריק הוא מכם, דאס וואס איז יא ליידיג אין די תורה, איז אויך נישט קיין דבר ריק, עס איז נישט ליידיג, כי הוא חייכם, ווייל דארט ליגט לעבנס פון כלל ישראל. עס איז דא אזעלכע יודען וואס האבן נישט קיין אות אין די תורה, אבער זיי לעבן אין מקום הריקן.

**וואס** איז דער חילוק? וועלכער יוד האט א אות אין די תורה, און וועלכער יוד איז נאר אינעם מקום הריקן? אין כלל ישראל איז דא פארשידענס. אלף נכנסין לבית המדרש, ואחד מהם יוצא להוראה (ויק"ר ב-א), נישט יעדער וואקסט אויס גרויס אין תורה. מען דארף זיין א בעל כשרון, א בעל זכרון, און פלייסיג לערנען, כדי מען זאל אנקומען צו כתרה של תורה. די גמרא אליין זאגט, אז פון טויזענט קומט נישט יעדער צו, צו כתרה של תורה. איינער קומט צו להוראה, און אזויפיל גייען ארויס לתלמוד, ולמקרא, זיי קומען נישט אן אינגאנצען.

**די** תלמידי חכמים וואס זיי זענען דבוק אין תורה, זיי האבן א חלק אין א אות פון די תורה. די וואס זענען נישט זוכה אז זיי זענען באהלה של תורה, די האבן זייער פלאץ אין די ליידיגע חלקים אין די תורה. און די ליידיגע חלקים איז אויך תורה, אפילו ער איז נישט זוכה צו אותיות התורה, אבער מצות התורה קען ער דאך מקיים זיין שטענדיג. מיט יעדע ריר וואס א יוד טוט, קען ער מקיים זיין א מצוה. ער דאווענט, וויפיל ווערטער מען דאווענט. ער גייט אויף דער גאס, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ווי ער גייט, האלט ער זיך צו א מחשבה, היטן די אויגן וכדומה, דאס איז אלעס מצוות. ער שטייט אין געשעפט, ער בא'גנב'עט נישט, ער רעכנט ערליך וכדומה, דאס איז אלעס מצות אין די תורה, זיי זענען מלאים מצות כרימון. איז וועגן דעם כאטש זיי האבן נישט קיין חלק אין די אותיות פון די תורה, האבן זיי אבער א חלק אין די ליידיגע מקום וואס איז דא אין תורה.

**כפלח** הרמון רקתך, אפילו ריקנים שבך, די וואס זייער פלאץ איז אין מקום הריקן וואס איז דא אין די

תורה, זענען מלאים מצות כרמון. אפילו ער האט טאקע נישט קיין חלק אין די אותיות פון די תורה, זיין חלק איז אין די ריקנין, אין די ליידיגע פלעצער וואס איז אין די תורה, מלאים מצות כרמון, קענען זיי זיין פול מיט מצות כרמון. ער רופט זיי נישט אן ריקנים ווייל זיי זענען באמת ליידיג, זיי זענען נישט ליידיג, זיי זענען מלאים מצות כרמון, ער רופט זיי אן ריקנים, ווייל זייער פלאץ אין די תורה איז אינעם מקום הריקם.

**דאס** מערסטע מקום הריקם וואס איז דא אין די תורה, איז ביי די שירה. עס איז נישט דא נאך א פרשה וואס איז דא אזויפיל ליידיג פלאץ, וויפיל עס איז דא ביי די שירה. דאס איז טייטש, אז זייער אסאך נשמות פון די ריקנים ליגן אין די שירה. פארוואס, ווייל אפילו א מענטש איז נישט זוכה צו זיין גרויס אין תורה, אפילו ער איז נישט זוכה ער זאל קענען זיין מלא מצות כרמון, אבער **זאגן שירה פארן אייבערשטען, דאס קען יעדער איינער! אויף דעם איז נישט דא קיין שום תירוץ. יעדער יוד וואס האט א מויל, קען דאנקן דעם אייבערשטען און זאגן שירה פארן אייבערשטען.** מען קען זאגן תהלים ווען מען וויל. און אן תהלים, בינו לבין קונו, זאגן שירות ותשבחות. האט ער צייט נעמט ער א תהלים, און ער זאגט די שירות פון דוד המלך, אדער זאגט מען אייגענע שירות.

**די** תורה האט געשטעלט אין די שירה זייער אסאך מקום הריקם, דארטן ליגן זייער אסאך נשמות וואס זיי קענען נישט צוקומען צו זייער תיקון דורך אנדערע זאכן, אבער שירה דאס איז א פלאץ וואס געהער פאר די ריקנים, דארט קען קיינער זיך נישט ארויסדרייען און זאגן אז ער קען נישט צוקומען צו דעם, צו זאגן שירה פארן אייבערשטען! וועגן דעם איז די שירה געשריבן געווארן אריח על גבי לבינה, צו ווייזן אז די ריקנים שבהם, די וואס האבן נישט קיין חלק, זאלן קענען זוכה זיין צו תורה, אפילו אמאל קענען זיי נישט צוקומען זיי זאלן זיין מלאים מצות כרמון, אבער פון דעסטוועגן דאך צו זאגן שירה פארן אייבערשטען, דאס איז דער פלאץ וואס איז אויך געגעבן געווארן פאר די ריקנים.

*

***יום שני פרשת יתרו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

*

***יום שלישי פרשת יתרו***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יעקב משה וויעדער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז יתרו איז געקומען צו משה רבינו אין מדבר, ויחד יתרו על כל הטובה (יח-ט). עס איז דא מערערע פשטים וואס איז טייטש ויחד יתרו. דער פשוטער פשט איז א לשון שמחה. ויחד יתרו, יתרו האט זיך געפריידט ווען ער האט געהערט די ניסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט געטון פאר יודען. רש"י ברענגט צו א צווייטע פשט, אז ויחד איז א לשון עס האט אים ווי געטון, נעשה בשרו חדודים חדודים. די גמרא (סנהדרין צד.) ברענגט, גיורא עד עשרה דרא זאל מען נישט מבזה זיין ארמאה באפיה, עס האט אים ווי געטון די איבוד פון די מצריים. א דריטע פשט איז דא, ויחד יתרו, שהעביר חרב חדה על בשרו. ער האט זיך גע'מל'ט, ער האט מעביר געווען חרב חדה על בשרו.

**מען** ווייסט אז ווי עס איז דא מערערע פשטים איז דאך אלו ואלו דברי אלקים חיים (עירובין יג:). וואס האט א קשר איין פשט צום צווייטן. און דא איז עס דאך ממש מהיפך להיפך, איינער זאגט ויחד יתרו ער האט זיך געפריידט, און איינער זאגט ויחד יתרו אז עס האט אים ווי געטון. אז עס טוט ווי, פריידט מען זיך נישט, און אז מען פריידט זיך, טוט נישט ווי.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז, מען ווייסט דאס חשיבות פון ברית מילה, כי עליך הורגנו כל היום (תהלים מד-כד), זו מילה (גיטין נז:). מילה איז א מצוה פון מסירת נפש. א טאטע נעמט א קינד און ער איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו. ווען מען וואלט געוואלט טון פארן קינד סיי וועלכע צער,

וואלט דער טאטע זיך אקעגן געשטעלט, ער וואלט נישט געלאזט. און דא נעמט ער זיין קינד, און ער מל'ט אים, און ער טוט עס בשמחה, ער מאכט א סעודה, עדיין עושין אותה בשמחה.

**די** מצוה איז א מסירת נפש סיי פונעם טאטען, און אויך פונעם קינד וואס מען לייגט אים אריין אין א פאל פון מסירת נפש. נאר די מצוה איז צוגעוואוינען א קינד אז פון ווען מען ווערט אכט טאג, דארף מען האבן מסירת נפש פארן אייבערשטן. דער טאטע, די ערשטע זאך וואס ער טוט מיט דעם קינד איז, מסירת נפש! איך בין גרייט אוועקצוגעבן מיינע געפילן, דער אייבערשטער האט געהייסן מל'ן דאס קינד, טו איך עס, און ער טוט עס בשמחה. - דאס גיט אריין דעם כח אין דעם קינד אויף א גאנץ לעבן, ער זאל קענען מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען מיט מסירת נפש. מסירת נפש מיינט נישט אייביג אוועקצוגעבן די לעבן, נפש ווערט אנגערופן דער רצון, אם יש את נפשכם (בראשית כג-ח), א מענטש האט א רצון צו טון א זאך, און ער איז מוותר אויף דעם רצון, ער איז מוותר אויף זיינע געפילן, און ער טוט וואס דער רצון פונעם אייבערשטן איז, דאס איז א חלק פון מסירת נפש.

**יתרו** בעצם איז דאך געווען א גוי, גיורא עד עשרה דרא האט א געפיל, וואלט אים ווי געטון דער איבוד פון מצרים. אבער תיכף וואס עס האט אים ווי געטון דער איבוד פון מצרים, האט ער עס געטוישט אז ער האט געהאט א שמחה. זייט ער האט זיך מגייר געווען, און ער איז געווארן א יוד, לייגט ער אוועק אלע זיינע געפילן וואס ער האט, וואס בטבע וואלט אים געדארפט ווי טון, אבער ער האט אוועקגעלייגט די געפילן וואס ער האט, איך לייג עס אוועק, איך פריי מיך אז דער אייבערשטער האט געטון די טובות פאר יודען. פון איין זייט איז געווען ויחד יתרו, נעשה בשרו חדודין, ער איז דאך א מענטש, ער האט געפילן. און זיין געפיל איז ווי א גוי, אז עס טוט אים ווי ווען זיינע לאנד'ס לייט זענען פארלוירן געווארן. אבער ער האט געהאט דעם כח ביי זיך, אז כאטש עס איז געווען נעשה בשרו חדודין חדודין, פון דעסטוועגן דאך ויחד יתרו, איך בין מבטל מיינע געפילן פארן אייבערשטען, דער אייבערשטער האט אזוי געטון ער האט געוואלט טוען ניסים פאר יודען, איז ביי מיר א שמחה די ניסים וואס איז געשעהן.

**ווען** מען פרעגן, פון וואו האט ער געהאט דער כח, ווי אזוי קען זיין, א מענטש וואס איז נעשה בשרו חדודין חדודין, און פון דעסטוועגן דאך זאל ער זיך קענען פרייען. זאגט ער, ויחד יתרו, העביר חרב חדה על בשרו, ער האט זיך דאך גע'מל'ט, וואס מילה איז דער טייטש אז א מענטש איז גרייט אוועקצוגעבן זיינע רצונות פארן אייבערשטען, און ווייל עס איז געווען ויחד יתרו, האט ער געהאט דעם כח אז אפילו נעשה בשרו חדודין חדודין, זאל עס קענען זיין מתוך שמחה.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מלאנצוט ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***<u>יום רביעי פרשת יתרו</u>***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הרב **אברהם יצחק לעווי** שליט"א, שהתקיים בהיכל ישיבה קטנה דצעהלים. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, ומסר הברכות וקריאת השם **להגה"צ אב"ד יאוואזשנא שליט"א** (שהתכבד בסנדקאות). אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***<u>יום חמישי פרשת יתרו</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, אחר כך מסר שיעור השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והגיע לניחום אבלים אצל משפחת **הרה"ג רבי אברהם יהושע העשיל טווערסקי זצ"ל**.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט מפה קדשו פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, אז די וועלט זאגט נאך אויפן **צאנזער רב**, אז דער צאנזער רב האט געזוכט א שידוך פאר די טאכטער, וואס איז שפעטער געווארן די הארנאסטייפלער רעבעצין, און מען האט אנגעטראגען דעם **אבני נזר**, און עס איז געווען א דין ודברים צווישן זיי, און די שידוך איז נישט געווארן. און דער סאטמארער רב האט פארציילט די מעשה, און ער האט געזאגט נאכדעם, אז דער צאנזער רב האט נישט געמאכט א שלעכטע טויש.

**א' האבלים:** דער טאטע האט פארציילט, אז נאכדעם וואס דער צאנזער רב האט געהאט די מעשה מיטן אבני נזר, איז ער געגאנגען צום **ראפשיצער זיידע**, און ער האט אים געפרעגט, וואס ער זאל טון. האט ער אים געזאגט, ווארט, דו וועסט טרעפן בעסערס.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל הבר מצוה של בן ש"ב **הרה"ג רבי בנציון ראבינאוויטש שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, וחתן אחיו כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן ומסב"ג זצ"ל), שהתקיים באולם בית רחל.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל טעללער** הי"ו, שהתקיים באולם נזר יהודה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **חיים שלמה ראטענבערג** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד סאלקא שליט"א (מאנסי), וחתן הגה"צ אב"ד מישקאלץ שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **מאיר וואגשאהל** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת פרשת יתרו***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואל טעללער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת יתרו***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ג שבט). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **דוד ארנסטר** שליט"א (ירושלים עיה"ק).

ביום השבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת השבע הברכות של בת ש"ב הרב **יואל מייזעלס** שליט"א (בן הרה"ג **רבי יצחק מרדכי מייזעלס** שליט"א אב"ד ראדאוויטץ בלומינגראוו, נכד הגה"ק משמלויא זצ"ל), עב"ג בן הרב **אשר מרדכי אהרן מענדלאוויטש** שליט"א, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.